„רויבער“), „אביגיל“ („שולמית“ פון גאָלדפאַדן), „רחלע“ (אין שלום עליכמס „סטעמפּעניו“), „אַננאַ באָגדאַנאָוויטש“ (דאַניעלס „יוליס“), „הדסה“ (מאַרקישעס „כל נדרי“), „די משוגענע“ (רעזניקס „רע־קרוטן“), „רבקה“ („די שוועסטער“ פון פרץ), „רייזל“ („בלאָנדזשענדע שטערן“ פון שלום־עליכם) און „אַלענאַ“ (קראָפּיווניצקיס „די שפּין“). אָבער ניט ווייניקער האָט זי זיך אויסגעצייכנט אין די ראָלן „עטי מעני“ (שלום־עליכמס „דאָס גרויסע געווינס“), „סיראַנדאַלינע“ (גאָלדאָניס „די ווירטין פון האָטעל“), „מירעלע אפרת“, „קרוטשינינאַ“ (אָסטראָווסקיס „אָן שולד שולדיקע“), „פאַניטשקע“ („מענטשן“ פון שלום־עליכם), „שרה“ (שלום עליכמס „דער בלוטיקער שפּאַס“) און „סאָניע“ אין „הירש לעקערט“.

אין 1940 איז ק. אַריבער אין אָדעסער יידישן מלוכה־טעאַטער, ווו זי שפּילט די הויפּט ראָלן ביז דער סאָוויעטיש־נאַצישער מלחמה. איר איינציקער זון גייט אַוועק אויפן פראָנט און זי עוואַקוירט זיך מיט אַ גרופּע אַקטיאָרן קיין טאַשקענט, ווו זי טרעט אויף אַלס פאַרלייענערין אין דער אָרטיקער פילהאַרמאָניע. זי טרעט אויך אויף אין טאַדזשיקיסטאַן און קירגיזיע.

סוף 1942 אָפּגעשיקט קיין סאַמאַרקאַנד, ווו זי אַרבעט אין כאַרקאָווער יידישן מלוכה־טעאַטער. אין 1944 אַריבערגעפירט קיין קאָקאַנד, ווו זי שפּילט אין קיעווער יידישן מלוכה־טעאַטער.

פאַר איר געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז ק. באַלוינט געוואָרן מיט 5 ערן־אויסצייכענונגען.

ש. ע. פון יהושע ליובאָמירסקי.

## בערענזאָן, מ.

געקומען פון דעמאָלטיקן פּאַלעסטינע קיין פּערט, די הויפּטשטאָט פון מערב־אויסטראַליע האָט ער אין משך פון 1913 ביז 1928 אויפגעפירט מיט אָרטיקע אַמאַטאָרן די פ עסן: „דער תלמיד חכם“, „דער יידישער גלח“, „קוני לעמעל“, „דאָן יצחק אַבאַרבאַנעל“, „יאָסעלע מילנער“, „חיים פון אַמעריקע“, „קראַפט פון ליבע“, „שרה שיינדל“, „דער אומבאַקאַנטער“, „דבורהלע מיוחסת“, „מירעלע אפרת“, „יידישער קעניג ליר“, „דאָס יידישע האַרץ“, „די שפּין“, „אַבאַלע אשכנזי“, „טאַטע־מאַמעס צרות“, „דער שטן אין גן־עדן“, „שולמית“ „עקדת יצחק“, „כל נדרי“, „חפני און פנחס“, „דאָס פּינטעלע ייד“, „ליבע און לײדנשאַפט“, „די נשמה פון מיין פאָלק“, „געברידער לוריע“, „דער טיגער“, „שבת קודש“, „באָבע קודש“, „באָבע יאַכנע“, „ווו זיינען מיינע קינדער“ ?, „צו שפּעט“, „די פאַרגעסענע מאַמע“, „משה חייט“, „זיין ווייבס מאַן“, „דער פרעמדער“, „הערצעלע מיוחס“ „מישקע און מאָשקע“, „אַ מענטש זאָל מען זיין“, „געלט, ליבע און שאַנדע“ און „דאָס מיידל פון דער וועסט“.

די אַמאַטאָרן־גרופּע מיט וועלכער מר. בערענסאָן האָט אָנגעפירט, האָט אַ צייט־לאַנג געהאַט אַ פּרעזידיום, וואָס איז באַשטאַנען פון ראַביי פרידמאַן און מר. מייזל, וועלכע האָבן דער טעאַטער־גרופּע אַ סך מיטגעהאָלפן. זומער־צייט איז אין פּערט כמעט ניט געשפּילט געוואָרן, נאָר אין משך פון די פאַרבליבענע 9־8 חדשים זיינען געגעבן געוואָרן דריי אויפפירונגען, וואָס זיינען מערסטנס געווען פאַר ווילטעטיקע צוועקן.

די נייע אימיגראַציע־כוואַליע קיין אויסטראַליע אין די יאָרן 30־1928 האָט אַ ביסל פאַרגרעסערט דעם יידישן ישוב אין פּערט, און אַ טייל נייע אימיגראַנטן, ניט זייענדיק צופרידן פון עקזיסטירנדיקן אַמאַטאָרן־קרייז האָבן געגרינדעט נאָך אַן אַמאַטאָרן קרייז, וואָס האָט אויפגעפירט „דער בלינדער מאָלער“ און „די יידישע אַננאַ קאַרענינאַ“, דערויף האָבן זיך ביידע אַמאַטאָרן־גרופּן פאַראייניקט אָ׳נ „יידיש־העברעישע בימה, פּערט“ און אויפגעפירט „קוני לעמעל“, „דאָס יידישע האַרץ“, „מישקע און מאָשקע“, „דער אומבאַקאַנטער“, „כל נדרי“ און „סעמקע אין אַמעריקע“. נאָכדעם איז די גרופּע זיך ווידער צעפאַלן און די אָפּגעשפּאָלטענע האָבן געגרינדעט אַ נייע גרופּע אָ׳נ „פאַראייניקטע דראַמאַטישע קאָמפּאַניע“ און אויפגעפירט „כאַסיע די יתומה“, „זשידאָווקאַ“, „שלמהקע און ריקל“ „שבת קודש“, „די שחיטה“, „מיס האָפּליאַ“, „דער בלינדער מאָלער“, „ציפּקע פייער“ און „דער ווילדער מענטש“. אַ דאַנק די באַמיונגען פון מר. ברעקלער און רעווערענד גראָכאָווסקי זיינען ביידע גרופּן ווידער פאַראייניקט געוואָרן און האָבן אויפגעפירט „די נקמה פון אַ ברודער“, „אַ מענטש זאָל מען זיין“ און „דאָראַ“, אויך אַ ריי איינאַקטערס און קאָנצערט־אָוונטן פון רעציטאַציעס, געזאַנג און בילדער.

אויסער בערענסאָן אַלס רעזשיסער דאַרף מען אויך דערמאָנען אַלס רעזשיסערן מר. טוי און אין מוזיקאַלישן טייל רעווערענד גראָכאָווסקי.

די אַקטיווסטע מיטגלידער זיינען געווען: די פרויען — בערענסאָן, גאָטליב און מעקיי און די מענער — בערענסאָן, טוי, בלאַנק, עפּשטיין און גראָכאָווסקי.

אויף זיין צוריקפאָר פון בראַזיל קיין אויסטראַליע האָט זיך דער אַקטיאָר יעקב ווייסליץ אָפּגעשטעלט אין 1940 אין פּערט און געגעבן צוויי וואָרט־קאָנצערטן און אויפגעפירט מיטן קרייז שלום עליכמס „צוויי הונדערט טויזנט“.

היים ראָזענשטיין — יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע, „צווייטער אויסטראַליש־יידישער אַלמאַנאַך“, מעלבורן, 1942, זז. 326־324.

## ביעלאָגלאָווסקי, חיים

### [דוד בעלקין]

[געב. בערך 1855 — געש. 1908]

געבוירן בערך 1855 אין כאָדערקאָוו, קיעווער גובערניע, אוקראַינע, אין אַ חסידיש סוחרישער פאַמיליע. געלערנט אין חדר, דערנאָך אין שול. צו 11 יאָר אַוועק פון דער היים, זיך גענומען צו פאַרשיידענע אַרבעטן, וועלכע האָבן אים אָבער ניט באַפרידיקט און, באַזיצנדיק אַ שיינע שטים, טרעט ער אַריין אין כאָר פון אַ רוסישער אָפּערעטע.

אין עלטער פון 16 יאָר אָנגעהויבן ארויסטרעטן ווי אַ רוסישער קופּלעטיסט־הומאָריסט, דאָסזעלבע שפּעטער אויף יידיש אין פאַרשיידענע וואַריעטע־טעאַטערס איבער רוסלאַנד. מיט אַ צייט שפּעטער אָנגעקומען אויף דער יידישער בינע אַלס קאָמיקער.

כיענאַ בראַגינסקאָ גיט איבער, אַז זי האָט אים געטראָפן אויפטרעטן אין אַ קווארטעט מיט נאָך יינגעלייט, האָט זי אים אַריינגענומען אין קיעוו אין איר (פישזאנס) יידישער טרופּע, ווו ער האָט דעביוטירט אַלס „לוט“ אין „עקדת יצחק“ און געווען אין דער טרופּע 8 יאָר, דערנאָך אַוועק אין אַנדערע קלענערע טרופּעס.

[ס. קרויזע גיט איבער, אַז סעם אַדלער האָט אים געהערט אין קיעוו זינגען אויף רוסיש יידיש־רוסישע קופּלעטן, האָט ער אים

אנגאזשירט אין פישזאנס טרופע און אים געגעבן צו שפּילן די ראָל פון שיכור „לוט“, ווייל ער איז בטבע געווען אַ שכור.]

מישע בודקין האַלט, אַז ביאַלאַגלאָווסקי איז געווען דער בעסטער „לוט“.

אבא קאָמפּאַנעעץ גיט איבער, אַז אין די 90־ער יאָרן פון פ. י. האָט ב. געזונגען אין אַ קוואַרטעט ביי אים (קאָמפּאַנעעץ, ביעלאַגלאָווסקי, גורעוויטש און הענעך קראהן) אויף רוסיש און גלייכצייטיק מיטגעשפּילט אויף יידיש אין פּיעסן.

ב. האָט געשפּילט כמעט אין אַלע טרופּעס, וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט ביים יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, און האָט אין זיי פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט.

אין 1908 איז ער געשטאָרבן ביי אַ פלימעניק אין סימפעראָפּאָל, קרים.

מ. ע. פון כיענא בראַגינסקא, ס. קרויזע, מישע בודקין און אבא קאָמפּאַנעעץ.

## בערנאַס, י.

פוילישער איבערזעצער פון אברהם גאָלדפאַדנס פּיעסעס „שולמית“ און „די כשוף־מאַכערין“. קיין ביאָגראַפישע דאַטעס וועגן ב. זיינען ניטאָ. לויט דר. יעקב שאַצקי האָט ב. אַרויסגעגעבן אין 1889 אין וואַרשע דעם „וואַרשעווער יודישען קאַלענדאַר“ און אין 1891 דעם „יודישער האַנדעלס קאַלענדאַר“. בכן, אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ געוויסן שיכות צו די יידישע ליטעראַרישע קרייזן. פּרץ האָט וועגן דאָזיקן קאַלענדאַר פאַרעפנטלעכט אַ רעצענזיע אין „דיא יודישע ביבליאָטעק“, וואַרשע, 1891, זז. 374־372.

אין דעם יידיש־פויליש אַסימילאַטאָרישן אָרגאַן „איזראַעליטאַ“ איז די איבערזעצונג פון „שולמית“ און די אויפפירונג שטאַרק געלויבט געוואָרן, אָבער די נעמען פון די פוילישע שפּילער ווערן ניט אָנגעגעבן.

אין אַ ניט־פאַרעפנטלעכן בריוו פון יעקב דינעזאָן פון 27 אויגוסט (א. ס.) 1887 צו דער שוישפּילערין בעטי ווינאָוויטש, שרייבט ער:

„היר שפּילט מען אַלע טאָג „שולמית“ אין פּאָלנישן מיט גוטע איינאַמען אונד גוטן בייפאַל, אָבגלייך (הגם) מאַן שפּילט „שולמית“ אָנע שולמית. דאָ (ווייל) די עס שפּילט, זינגט ניכט. זי איזט איינע דראַמאַטישע שוישפּילערין, וואָס אָבער אַן שפּיכן בעטריפט, איז די האָטווירקליך די קוישע (צניעותדיקע) אַנמוטיקע (טרויעריקע) ווערט זאַ וואָס אַנצוזען. גוט, דאָס מאַן בעסער זיך קוים דענקן קאַן: יידישע שולמית פאַרשטאַנען, בעגריפן אונד איך פערגעסע ווירקליך דאָס אויסגעלאַזענע זינגען איבער דאָס וואָרע, קונסטרייכע שפּילן. ...אביגיל איז ניכט ערגער אין אירע ראָלע. זי זינגט שוין יאָ! אונד האָט דאָפיר איינען דאָפּלטן בייפאַל. מנוח איז אויך גוט, בעסער אַלס גאָלדשמידט (יוסף גאָלדשמידט, וועלכער האָט די ראָל געשפּילט ביי גאָלדפאַדענען אין יידישן טעאַטער אין וואַרשע), אָבער די איבריקע אַלע זיינען אָבשוילין און שטייען נידריקער אַלס אַלער אַכטונג. דיזע האָבן שולמית פערדאָרבן. ...דער גאָרטן איז אימער פול מיט קריסטן, פיינסטער אַדעל באַזוכט אונד הערט די שטיק מיט אויפמערקזאַמקייט אונד בעדויערן נור דאָס איינע זאָלכע ערהאַבענע מעלאָדראַמע ווערט מיט זאָלכע שלעכטע שוישפּילער אויפגעפירט.“

יהושע מזח שרייבט אין זיין בוך „במת ישחק“ (וואַרשע 1889), אַז די פוילישע „שולמית“ איז געשפּילט געוואָרן ניין מאָל, און אַז יעדן אָוונט איז דער גאָרטן־טעאַטער „אַלהאַמבראַ“ געווען געפּאַקט.

זלמן זילבערצווייג שרייבט:

„בעת אַ שמועס מיט אַ וועטעראַן פון יידישן טעאַטער אין פוילן, ישעיה ראַטשיין, וועלכער איז גטוויסטרמאַס געווען דער איניציאַטאָר און האָט זיך אַליין באַטייליקט אין יענער פוילישער אויפפירונג פון „שולמית“, איז מיר געלונגען פעסטצושטעלן פאָלגנדיקע פּרטים וועגן יענער אויפפירונג:

אין 1888 האָט אין טעאַטער „עלדאָראַדאָ“ אין וואַרשע געשפּילט אַ פוילישע טרופּע אונטער דער דירעקציע פון ה׳ סמאָטריצקי. די טרופּע האָט געמאַכט ביטערע געשעפטן, אַזוי שלעכט, אַז די אַקטיאָרן פלעגן ממש אויסגיין פון הונגער, און ניט האָבנדיק צו צאָלן קיין דירה־געלט, פלעגן זיי שלאָפן אויף דער בינע. אין דער קאַסע פלעגט ויצן פּאָליציי און קודם כל באַצאָלן חובות, וואָס די טרופּע איז געווען שולדיק. די אַקטיאָרן זיינען אַרומגעגאַנגען אָן קעפּ. זיי האָבן ניט געזען קיין אויסוועג פון זייער טרויעריקער לאַגע.

דאָס האָט פּאַסירט נאָכדעם ווי גאָלדפאַדן האָט געשפּילט אין וואַרשע, און דאָ געהאַט אַן אַזוי גערופענעם „קנאַבן־כאָר“. אין דאָזיקן כאָר האָבן ביי גאָלדפאַדענען געזונגען די שפּעטער־באַקאַנטע יידישע אַקטיאָרן אַדאָלף בערמאַן און ישעיה ראַטשיין. ווען גאָלדפאַדן איז אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע, און דאָס יידישע טעאַטער האָט דאָ אויפגעהערט צו עקזיסטירן, האָט הערמאַן בערמאַן צונויפגעשטעלט אַ קוואַרטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון אים (הערמאַן), זיין ברודער אַדאָלף, ראַטשיין און דעם שפּעטער־באַקאַנטן אַקטיאָר מ. ח. טיטעלמאַן. הערמאַן בערמאַן איז געווען דער דירעקטאָר פון דעם קוואַרטעט פון וועלכן ער האָט זיך שפּעטער צוריקגעצויגן. די 3 איבערגעבליבענע זינגער האָבן דאָך אָבער געדאַרפט פּרנסה, זיינען זיי אַריין אין כאָר פון פוילישן טעאַטער. דאָ אָבער האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף דער שרעקלעכער מאַטעריעלער נויט. וועגן פאַרדינען עפּעס איז ניט געווען וואָס צו ריידן, ווייל די אַקטיאָרן האָבן אויך גאָרניט באַקומען, און דאָ איז די כאָריסטן איינגעפאַלן דער געדאַנק וועגן „שולמית“. די פּיעסע איז געווען אומגעהויער פּאָפּולער אין וואַרשע. אין פוילישן טעאַטער זיינען געווען זינגער. ווי וואָלט געווען ווען מען פירט אויף „שולמית“ אין פויליש?

קיין שווערע אַרבעט מיטן דירעקטאָר פון דער פוילישער טרופּע האָבן זיי ניט געהאַט, ווייל ער האָט זיך געטרונקען אין חובות, און ער איז געווען גרייט זיך אָנצוכאַפּן אָן אַ שטרוי. מ׳האָט אָפּגעזוכט אַ יונגערמאַן בערנאַס, וועלכער האָט געקענט פויליש און יידיש און ער האָט איבערגעזעצט די אָפּערעטע, וועלכע מ׳האָט גלייך אויפגעפירט.

די הויפּטראָלן האָבן געשפּילט: „שולמית“ — פרוי שנעבעלין, וועלכע איז אַ סך יאָרן שפּעטער געוואָרן אַ קאַסירערין אין לאָדזשער פוילישן טעאַטער, „אבשלום“ — רעצקי, „מנוח“ — רוטקאָווסקי (אָדער קאָשטשינסקי), „צינגעטאַנג“ — כאָינעצקי, „נתן הכהן“ — קאָשטשינסקי (אָדער רוטקאָווסקי). די אַלע אַקטיאָרן זיינען געווען פּאָליאַקן, אָבער אינגאַנצן אָן יידן איז מען זיך אויך ניט באַגאַנגען. די געזאַנג־ראָלן פון די אַנדערע 2 חתנים האָבן געשפּילט יידן. „יואב גדעוני“ האָט געזונגען טיטעלמאַן און „אבינדב“ — ראַטשיין. אויך האָט ראַטשיין צוזאַמען מיט אַדאָלף בערמאַן געזונגען די געזאַנגפּאַרטיע פון די „כוהנים“.

„שולמית“ אויף פויליש איז 2 חדשים געשפּילט געוואָרן ביי אויספאַרקויפטע הייזער. די פוילישע אַקטיאָרן האָבן אויסגעצאָלט זייערע חובות.